# פרשת שמיני י"ז – כ"ג אדר ב' תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת שמיני***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **שמשון כ"ץ** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הסיום הש"ס של החברותא הר"ר **אלי' בריעגער** הי"ו, והר"ר **יוסף זיכערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם פאפא, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א גרויסע שמחה אנטייל צו נעמען בי די שמחה פון א סיום הש"ס פון צוויי חשובע יונגעלייט, ר' אלי' זאל זיין געזונט, און ר' יוסף זאל זיין געזונט. איך פיל ווי עס איז א אייגענע שמחה, און עס איז באמת א פרייד פאר אונז אלע, ווען מען זעהט ווי יונגעלייט זענען זיך משלים אין תורה. עס איז נישט נאר א סיום הש"ס, נאר עס איז אויך א התחלה פארן קומענדיגן סיום הש"ס מיטן אייבערשטען'ס הילף.

**די** וואך אין די פרשה איז די חצי תורה בתיבות. ווען מען צוטיילט די תורה לויט ווערטער, איז עס אין די פרשה, ביי די ווערטער דרש דרש משה (ויקרא י-טז). די חצי תורה באותיות איז אויך די וואך אין די פרשה, ביי די וא"ו פון די ווארט גחו"ן (שם יא-מב). אבער עכ"פ ביי דרש דרש משה איז די חצי תורה בתיבות. ליכי מידי דלא רמיזי באורייתא (תענית ט.), יעדע זאך האט אין זיך א געוויסע רמז.

**ווען** מען ענדיגט ש"ס (סוף עוקצים) זאגט מען, עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות, פאר יעדע צדיק גיט דער אייבערשטער דריי הונדערט און צען עולמות. וואס איז דער חשבון פון די ש"י עולמות. שטייט אין די מפרשים, אז עס איז דא תרי"ג מצות התורה, און זיבן מצות דרבנן, צוזאמען באשטייט די תורה פון כת"ר מצוות, זעקס הונדערט און צוואנציג מצות.

**כדי** א יוד זאל קענען מקיים זיין אלע מצוות אין די תורה, מוז ער האבען הילף, אז מען זאל אים צוהעלפן דערצו, אז ער זאל קענען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען. די הילף וואס א מענטש באקומט, איז די ערשטע, אעשה לו עזר כנגדו (בראשית ב-יח), דער אייבערשטער העלפט אים, אז ער טוט א גוטן שידוך, און ער האט א ווייב וואס שטייט אים צו די רעכטע האנט, זי גיט זיך אפ מיט די חינוך פון די קינדער, און זי טוט אים מעודד זיין און מחזק זיין, אז ער האט צייט אוועקצוגיין פון שטוב און לערנען תורה, האט זי אויך א חלק אין די תורה וואס מען לערנט. אזוי אויך עלטערן וואס טוען צוהעלפען פאר די קינדער, אז זיי זאלן קענען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, באקומען זיי שפעטער א חלק אין די תורה, חלק כחלק יאכלו (דברים יח-ח). שמח זבולון באהלך וישכר באהלך (שם לג-יח), יששכר איז געזעסן און געלערנט, און זבולון האט ארויסגעהאלפן, און זיי האבן זיך צוטיילט האלב אויף האלב.

**די** כת"ר עולמות וואס מען וואלט געדארפט געבן פאר א יוד פאר זיין שלימות אין די גאנצע תורה, קען ער נישט באקומען די גאנצע כת"ר עולמות, ווייל ער דארף זיך צוטיילן מיט דעם וואס האט אים צוגעהאלפן אז ער זאל קענען צוקומען צו זיין שלימות. אז מען צוטיילט די כת"ר עולמות, בלייבט נאר איבער דריי הונדערט און צען. עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק שלש מאות ועשרה עולמות, ער בלייבט מיט דריי הונדערט און צען עולמות, און די אנדערע דריי הונדערט און צען דארף ער זיך צוטיילן מיט דעם וואס האבן אים צוגעהאלפן אז ער איז צוגעקומען דערצו.

**ווען** א יוד איז עוסק בתורה, עס איז דרש דרש משה, ער זיצט און לערנט תורה אזוי ווי משה רבינו האט דורש געווען תורה פאר יודען, קען ער נישט באקומען די זכות פון די גאנצע תורה, ער האט נאר די חצי תורה, ווייל האלב דארף ער זיך צוטיילן מיט זיין שותף וואס האט אים צוגעהאלפן אז ער זאל קענען צוקומען צו זיין שלימות. דרש דרש משה, ווען א יוד קומט צו צום שלימות פון

תורה, ער זיצט און ער לערנט, און ער איז דורש די תורה, וויל די תורה ווייזען אז עס איז נאר חצי התורה, דו האסט האלב, ווייל צו דרש דרש משה מוז מען האבן א שותף וואס טוט צוהעלפן דערצו, און די אלע וואס העלפן דערצו באקומען א חלק דערפון.

**ב"ה** אז מען האט מסיים געווען ש"ס, עס קומט נישט אן גרינג, אז מען זאל נישט פארפעלן א טאג וואס מען זאל נישט לערנען, און טאמער עס קומט יא אויס, דארף מען עס משלים זיין. עס איז דא טעג וואס איז גרינגער אין א שטוב, טעג וואס איז שווערער אין א שטוב, און פון דעסטוועגן דאך פארפאסט מען נישט, און מען זיצט און מען לערנט, איז דא אסאך צו פארדאנקן פאר די אשת חיל וואס שטייט צו הילף, און זי נעמט אויף זיך די עול פונעם שטוב, און זי טוט צוהעלפן דערצו, זי שיקט אוועק איר מאן אז ער זאל זיצען און לערנען מיט זיין חברותא יעדע נאכט, עס איז טאקע נישט אזוי גרינג, אבער עס איז חלק כחלק יאכלו, נאכדעם ווען מען צוטיילט זיך, באקומט זי א האלבע חלק. עלטערן פלאגן זיך, און זיי העלפן צו פאר די קינדער אז זיי זאלן זיצען און לערנען, באקומען זיי אויך א חלק אין די תורה וואס מען לערנט. דרש דרש משה, אפילו ווען מען איז זוכה צו די העכסטע מדריגה פון דרש משה, איז עס נאר חצי התורה, האלב באקומסטו, און האלב באקומען די וואס האבן צוגעהאלפן דערצו.

**עס** איז א שמחה נישט נאר פאר די וואס האבן גומר געווען ש"ס, עס איז אויך א שמחה פאר די בני בית, און א שמחה פאר די עלטערן, זאל דער אייבערשטער זיי געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. עס איז טעג פון שמחה, זאל זיין שמחות ביי אלע יודישע שטובער, און מיר זאלן זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' פסח סימן ת"פ) **בבית מדרשנו**. **אחר** השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** שטייט אין די מגילה (אסתר ב-יא) ובכל יום ויום מרדכי מתהלך לפני חצר בית הנשים, לדעת את שלום אסתר ומה יעשה בה, מרדכי איז יעדן טאג געגאנגען זיך אומקוקען וואס אסתר טוט. די לשון מרדכי 'מתהלך', איז א שווערע לשון, מתהלך איז טייטש, אז ער איז געגאנגען דורך איינעם, ער איז געפירט געווארן, עס וואלט געדארפט שטיין ובכל יום ויום מרדכי 'הולך', מרדכי איז געגאנגען קוקען וואס אסתר טוט.

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (שמות ז:), ויהי בימים ההם ויגדל משה, ויצא אל אחיו וירא בסבלותם (שמות ב-יא). זאגט דער הייליגער **חתם סופר**, אז דער אייבערשטער טוט אויסקליובן א מנהיג פאר יודען, איינעם וואס טוט זיך אומקוקן אויף די צער פון יודישע קינדער, און ער מאכט אים שפעטער גרויס. אזוי ווי משה רבינו, וואס איז תיכף ווען ער איז גרעסער געווארן ארויסגעגאנגען קוקען בסבלותם, און ווען ער האט געזעהן ווי מען שלאגט א יוד, האט ער זיך אנגענומען פאר דעם יוד, און ער האט גע'הרג'עט דעם מצרי, האט ער נאכדעם זוכה געווען צו גדולה. - אין **תנא דבי אליהו** (פרק ד) שטייט אויך אזוי, פארוואס האט משה רבינו זוכה געווען צו זיין גרויסקייט, ווייל ער האט נאנח געווען על כבודן של ישראל, עס האט אים וויי געטון ווען יודען זענען געווען אונטערדריקט, און ער האט געקרעכצט און געזיפעצט דערויף, וועגן דעם האט ער זוכה געווען דערצו.

**טייטשט** דער הייליגער **חתם סופר**, ויהי בימים ההם, עס איז געווען אין די טעג, ויגדל משה, עס האט פאסירט א מעשה וואס האט צוגעברענגט משה צו זיין גדולה, אז משה רבינו איז גרויס געווארן. וואס איז געווען די מעשה וואס האט צוגעברענגט משה צו זיין גדולה, וירא בסבלותם, אז ער האט געזען ווי א איש מצרי איז מכה איש עברי מאחיו. דאס איז געווען די הקדמה וואס האט צוגעברענגט די גדולה פון משה רבינו.

**מען** זעהט אויך ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו, אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, אז ער זאל צוזאמנעמען שבעים איש, אשר ידעת כי הם זקני העם ושוטריו וגו', וואס זיי זענען די זקני העם און זייערע שוטרים, ואצלתי מן הרוח אשר עליך ושמתי עליהם (במדבר יא-טז), און זיי וועלן ווערן נביאים, זיי וועלן באקומען רוח הקודש. טייטשט רש"י, ווען יודען זענען געווען אין מצרים, און מען האט געדארפט ארבעטן, האבן זיי געשטעלט יודען וואס זאלן זיין די שוטרים, זיי זאלן זיך אומקוקן אז יודען זאלן ארויסגעבן די ארבעט. און ווען יודען האבען נישט ארויסגעגעבן די ארבעט ווי עס האט געדארפט צו זיין, האבן זיי געדארפט זיין די וואס זאלן רודה זיין יודען. און דער יוד האט נישט געוואלט רודה זיין, זיין ברודער, איז ויכו שוטרי ישראל (שמות ה-יד), האט מען זיי געשלאגן. האט דער אייבערשטער יעצט געזאגט, אז די וואס זענען געווען שוטרים אין מצרים, און זיי האבן זיך געלאזט שלאגען פאר יודענס וועגן, יעצט באצאל איך זיי, אז זיי גייען ווערן די שבעים איש, דאס איז געווען די שבעים זקנים פון משה רבינו. - זעהט מען אויך די זעלבע, אז די וואס טוען פאר כלל ישראל, דער וואס לאזט זיך שלאגען פאר א צווייטען יוד, דעם האט דער אייבערשטער אויסגעקליבען אז ער זאל שפעטער זיין פון די נביאים.

**עס** איז דא א אינטערעסאנטע גמרא (שבת נה.), די גמרא פארציילט, אז רב יהודא איז געווען א תלמיד פון שמואל, און שמואל האט געלערנט, און רב יהודא איז געזעסן ווי א תלמיד פאר זיין רבי. און א אידענע איז געקומען, און די יודענע האט פארפירט, זי האט געשריגען און געוויינט אויף עפעס א פראבלעם, און שמואל האט זיך נישט אומגעקוקט אויף איר. און רב יהודא האט פארגעהאלטן פאר זיין רבי, שמואל, אז עס קומט א אידענע, און זי איז אזוי פארוויינט, און ער פארמאכט די אויערן און ער הערט נישט וואס זי זאגט, און ער האט צוגעברענגט א פסוק (משלי כא-יג) אז ווען איינער איז 'אוטם אזנו', ער פארמאכט זיינע אויערן, 'מזעקת דל', פון וואס דער דל האט צו זאגן, 'גם הוא יקרא ולא תענה', ווען ער וועט רופן דעם אייבערשטען, וועט אים דער אייבערשטער אויך נישט ענטפערן. דו האסט נישט צוגעהערט וואס יענער האט צו זאגן, וועט דער אייבערשטער נישט צוהערן ווען דו האסט עפעס צו בעטן. און רב יהודא האט דאס פארגעהאלטן פאר שמואל, און שמואל האט זיך פארענטפערט דערויף. אז ער איז נישט שולדיג דערויף, נאר בית דין איז שולדיג דערויף.

**די** גמרא (פסחים נ.) זאגט, אז רבי יהושע בן לוי האט געהאט א זון וואס איז זייער נישט געזונט געווען, און ער איז געווען כמעט אויף יענער וועלט. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט מען אים געפרעגט וואס האסטו געזען אויבן אין הימל. האט ער געזאגט, עולם הפוך ראיתי, איך האב געזען אויבן א פארקערטע וועלט, עליונים למטה ותחתונים למעלה, די וואס זענען דא געווען עליונים, זענען דארט נידריג, און די וואס זענען געווען דא תחתונים, די זענען דארט אין די הייעך. האט ער אים געזאגט, דאס איז נישט קיין עולם הפוך, דו האסט געזען א עולם ברור. אין הימל איז נישט הפוך, דא איז הפוך, אין הימל איז נארמאל. שרייבט תוספות (ב"ב י:), אז ער האט מקבל געווען רב מפי רב, איין רבי פונעם צווייטען, אז ער האט געזען אויבן אין הימל שמואל מיט רב יהודא, וואס אויף די וועלט איז שמואל געווען אין דער הייעך, און רב יהודא איז געווען נידריגער, אבער אויף יענע וועלט האט ער געזען דעם תלמיד רב יהודא איז געווען העכער, און שמואל איז געווען נידריגער פון אים. זאגט תוספות, ווייל רב יהודא האט מוחה געווען אויף שמואל, און ער האט זיך אנגענומען פאר די אידענע, האט ער זוכה געווען, אז אויף יענע וועלט איז ער געשטאנען העכער פון זיין רבי שמואל. - זעהט מען פון דעם, אז ווען א יוד טוט פאר יענעם, באצאלט דער אייבערשטער צוריק, און ער גיט אים גרויסקייט.

**מרדכי** איז יעדן טאג געגאנגען זיך אומקוקען וואס אסתר טוט. עס שטייט אין מדרש (אסת"ר ו-ח), אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, דו האסט דורש געווען שלום נפש אחת, אסתר, אין דעם זכות וועסטו זוכה זיין אז דו וועסט דורש זיין שלום אומה שלימה, דו וועסט דורש זיין גאנץ כלל ישראל. און אזוי ענדיגט זיך די מגילה (אסתר י-ג), דורש טוב לעמו,

ודובר שלום לכל זרעו, ער איז געווארן משנה למלך, און ער איז געווען א דורש טוב פאר אלע יודען.

**וויפיל** צייט האט גענומען דאס ובכל יום ויום מרדכי מתהלך לפני חצר בית הנשים. איז אין פסוק אליין וואלט מען געקענט זאגן אז מינימום א יאר. ווייל מען האט אויפגעהאלטן אסתר א יאר צייט ביז זי האט געקענט צוקומען צו אחשורוש. ששה חדשים בשמן המור, וששה חדשים בבשמים ובתמרוקי הנשים (ב-יב), איז ער דאס יאר געגאנגען זיך אומקוקען און זעהן וואס עס טוט זיך ביי אסתר. אבער אין **ילקוט מעם לועז** (ב-יא) שטייט, אז זייט אסתר איז אריין צו אחשורוש אין שטוב, האט ער נישט פארפעלט קיין איין טאג וואס ער זאל נישט גיין. זי איז אריינגעגאנגען בשנת שבע למלכותו (שם ב-טז), דאס זיבעטע יאר פון זיין מלכות, און די נס פון פורים איז געווען בשנת שתים עשרה (שם ג-ז), פינף יאר שפעטער, פינף יאר איז ער יעדן טאג געגאנגען באזוכן אסתר, לדעת את שלום אסתר ומה יעשה בה.

**מרדכי** האט זוכה געווען צו זיין דער משנה למלך אחשורוש, ער איז געווארן דער גרעסטער מענטש וואס איז געווען אין בבל, משנה למלך. פארוואס האט ער זוכה געווען דערצו, זאגט דאך דער מדרש, ווייל ער האט זיך אומגעקוקט על שלום נפש אחת, פינף יאר איז ער געגאנגען זיך אומקוקען אז עס זאל גארנישט פעלן פאר אסתר. אז דו גיבסט דיך אוועק פאר א יוד'ס וועגן, האט אים דער אייבערשטער באצאלט שפעטער מיט גרויסקייט. קומט אויס, אז מרדכי איז נישט נאר געווען א הולך, אז ער איז געגאנגען באזוכן אסתר, נאר מרדכי 'מתהלך', ער איז אליין געווארן א הולך. דורך די פעולה וואס ער איז געגאנגען שטענדיג באזוכן אסתר, איז מרדכי 'מתהלך', ווייל די גדולה פון א מענטש קומט דורך דעם וואס ער קוקט זיך אום אויף א צווייטען. דו קוקסט זיך אום אויף יענעם, האט אים דער אייבערשטער נאכדעם גרויס געמאכט. משה רבינו איז גרויס געווארן, ויגדל משה, דורך דעם ויצא אל אחיו, און מרדכי איז גרויס געווארן, מרדכי איז געווארן א מתהלך, דורכדעם וואס ובכל יום ויום איז ער געגאנגען לדעת את שלום אסתר.

**מען** שטייט נאך פורים, און אלע יודען האבן אינזין געהאט נישט נאר זיך, נאר אויך אנדערע מיט מתנות לאביונים. און מען האלט פאר פסח, וואס מען האט ווייטער אינזין די אביונים, צו געבן פאר זיי וואס מען דארף צו האבן. און מיט דעם וואס מען קוקט זיך אום אויף א צווייטען יוד, און מען טוט פאר א צווייטן יוד, דורך דעם ווערט מען א הולך. עס איז נישט נאר אז מען האט זיך אומגעקוקט אויף יענעם, נאר די גדולה פון א מענטש, אז א מענטש זאל שטייגען אין גשמיות און אין רוחניות, איז תלוי אין דעם וואס ער טוט פאר א צווייטען יוד.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **אהרן אלימלך** נ"י, בן הר"ר **יהושע וואלף גרינפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם ליפשיץ, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז ביי מיר א שמחה אנטייל צונעמען ביי די בר מצוה פונעם חשוב'ען בר מצוה בחור. ווען א קינד ווערט בר מצוה, רופט מען עס אן, אז ער גייט אריין 'לעול' המצות. באמת, איז מצוות נישט א עול, מצוות דארף א יוד מקיים זיין מיט א שמחה, מיט א פריילכקייט, תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל (דברים כח-מז). די תוכחה קומט, נישט ווייל מען האט נישט מקיים געווען די תורה, נאר ווייל מען האט נישט מקיים געווען די תורה מתוך שמחה וטוב לבב. א יוד דארף זיין פרייליך אז ער גייט אריין לעול המצוות, און ער דארף עס מקבל זיין מיט א שמחה. נאכדערצו אז מען האט צוגעשטעלט פארן בר מצוה בחור אזא שיינע בר מצוה. וואס די נקודה וואס ער דארף זיך אראפלערנען דערפון איז, אז זיין טאטע איז פריילער, אז ער ברענגט אריין זיין קינד לעול המצוות, ווייל דאס איז זיין ציל אין לעבן, מחנך צו זיין ערליכע יודישע דורות.

**די** תורה הק' פארציילט די וואך אין די פרשה, אז ווען עס איז געקומען דער יום השמיני, און אהרן האט גענדארפט טון די עבודה, האט אים משה רבינו געזאגט, קרב אל המזבח, ועשה את חטאתך

(ויקרא ט-ז). און רש"י זאגט, אז אהרן איז געווען ירא מלגשת, ער האט מורא געהאט צוצוגיין טון די עבודה, און משה רבינו האט אים געזאגט, למה אתה בוש, פארוואס שעמסטו דיך, לכך נבחרת, אויף דעם האט מען דיר בוחר געווען.

**איך** האב געזען אמאל שטיין, אז דער ביאור דערפון איז, אז באמת האט משה רבינו געדארפט צו זיין דער כהן, נאר דער אייבערשטער האט צוגענומען די כהונה פון משה רבינו, און ער האט עס אוועקגעגעבן פאר אהרן הכהן. דער הייליגער **אור החיים הק'** זאגט, ויהי ביום השמיני (ויקרא ט-א), אין ויהי אלא לשון צער (מגילה י:), וואס איז געווען די צער דא ביי דעם 'ויהי'. זאגט דער הייליגער **אור החיים הק'**, אז משה רבינו האט זיך מצער געווען, אז 'קרא משה לאהרן ולבניו', אז מען האט צוגענומען פון אים די עבודה, אז ער זאל זיין דער כהן, און דינען דעם אייבערשטען אינעם בית ה', און מען האט עס אוועקגעגעבן פאר זיין ברודער אהרן. זאגט דער הייליגער **אור החיים הק'**, כאטש מיר קענען נישט אפשאצן די ענוה פון משה רבינו, משה רבינו האט זיך מבטל געווען פאר אהרן, און עס זאל אים וויי טון אז זיין ברודער אהרן גייט זיין דער כהן און נישט ער, אבער פונדעסטוועגן דאך 'כל לב חי מרגיש', א מענטש איז א מענטש, און עס איז דא א הרגשה. עס איז געווען 'ויהי', עס איז אים געווען א צער, אז 'קרא משה לאהרן ולבניו'.

**פארוואס** האט משה רבינו פארלוירן זיין זכות צו זיין כהן. ווייל ווען דער אייבערשטער האט אים געהייסן, אז ער זאל גיין אויסלייזען די יודען פון מצרים, האט משה רבינו געקווענקלט, ער האט נישט געוואלט גיין, ער האט זיך געשעמט. אהרן הכהן איז א עלטערער ברודער, און עס פאסט נישט אז ער זאל גיין. און ער האט זיך געדינגען מיטן רבונו של עולם, אז ער וויל נישט זיין דער שליח אויסצולייזען יודען. און ויחר אף ה' במשה (שמות ד-יד), און דער אייבערשטער האט זיך געבייזערט אויף משה רבינו, און ער האט אים געזאגט, איך נעם צו פון דיר די כהונה, און איך געב עס פאר אהרן. זעהט מען דאך, אז משה רבינו האט פארלוירן די כהונה, ווייל ער האט זיך נישט צוגעכאפט צו טון דעם רצון ה'.

**אהרן** הכהן האט געדארפט יעצט גיין טון די עבודה, און אהרן איז געווען בוש וירא, אויך די זעלבע, ער שטייט אין די זייט, און ער וויל נישט צו גיין, ער האט מורא, ער שעמט זיך, ער האט געמאכט דעם עגל, און ער דארף גיין יעצט טון די עבודה. האט אים משה רבינו געזאגט, טאמער דו גייסט נישט יעצט טון די עבודה, טוסטו דאך די זעלבע וואס איך האב געטון, איך האב פאר אזא זאך פארלוירן די כהונה. ווייל איך האב נישט געפאלגט תיכף ווען מען האט מיר געזאגט, האט מען צוגענומען פון מיר די כהונה. 'למה אתה בוש' פארוואס שעמסטו זיך צוצוגיין, 'לכך', וועגן די בושה וואס איך האב געהאט, 'נבחרת', האט מען דיר אויסגעקליבען. ווען איך וואלט נישט געהאט די בושה, ווען איך וואלט נישט געווען בוש וירא ווען מען האט מיר געהייסען, וואלט איך געווען דער כהן. לכך, ווייל איך האב מיר געשעמט, נבחרת, ביזטו נבחר געווארן, און טאמער דו וועסט דיך שעמען יעצט, און דו וועסט נישט גיין טון די עבודה, וועסטו אויך פארלירן די כהונה.

**די** תמצית הדברים איז, אז מען האט צוגענומען די כהונה פון משה רבינו, ווייל ער האט זיך נישט מזרז געווען צו טון דעם רצון פונעם אייבערשטען, תיכף ווען מען האט אים געהייסען. דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז מען קען אריינגיין תחת עול המצוות געזונטערהייט און פרייליכערהייט, מיט אזא שמחה, דארף מען אנהייבן צו דינען דעם אייבערשטען מיט א פרייליכקייט. און וויסען אז די עול וואס מען איז מקבל אויף זיך, דארף מען מקבל זיין מיט א שמחה. און ווען מען קען, דארף מען אויסנוצן די צייט צו לערנען און צו טון מצוות און מעשים טובים, און מחשיב זיין דעם זכות וואס מען האט, אז מען ווערט א חלק פונעם עם ה'.

*

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **חיים ברוך כ"ץ** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בערל עלקון** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל התנאים של ש"ב בן הר"ר **עזריאל יוחנן טויבער**

הי"ו, עב"ג בת הר"ר **מיכאל דוב לעפקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם בית רחל.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **חיים שפיטצער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד זילבער** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו, מנכ"ל מוסדותינו בוומסב"ג, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת שמיני***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה שטייט, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, האט פאסירט מיט נדב ואביהוא אזוי ווי די תורה פארציילט. און דער פסוק ענדיגט, וידם אהרן (ויקרא י-ג), אהרן איז שטיל געווען. די פשוטע פשט איז, אז ער האט מקבל געווען די גזירה פונעם אייבערשטען באהבה, ער האט זיך נישט מתרעם געווען. מען ברענגט צו א מדרש (פליאה), די תורה זאגט אז ער איז שטיל געווען, איז די טייטש אז ער האט געהאט עפעס צו זאגן, און ער האט עס נישט געזאגט, מאי הוי ליה למימר, ער וואלט געדארפט זאגן, וביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג).

**אין** די מפרשים שטייט (עיין **ביערות דבש** ח"ב דף רסב), אז דער פשט דערפון איז, די גמרא (שבת קל.) זאגט, כל מצוה שקיבלו עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותה בשמחה, יעדע מצוה וואס מען האט מקבל געווען בשמחה, איז געבליבן די שמחה אויף שטענדיג. ברית מילה האט מען מקבל געווען בשמחה, שש אנכי על אמרתך (תהלים קיט-קסב), עדיין עושין אותה בשמחה, מאכט מען עס נאך בשמחה. אין די מפרשים שטייט, וואס איז די לשון 'עדיין' עושין אותה בשמחה. עס איז משמע אז עס וואלט געווען עפעס א סברא אז עס זאל נתבטל ווערן די שמחה, נאר ווייל מען האט עס מקבל געווען בשמחה, איז עדיין עושין אותה בשמחה. וואס איז דער 'עדיין' עושין אותה בשמחה.

**די** גמרא (נדה לא:) זאגט, פארוואס האט דער אייבערשטער געהייסען מען זאל מל זיין א קינד דעם אכטן טאג. פארוואס נישט פריער, ווען ער ווערט געבוירן, זאל מען מל'ן דאס קינד. כדי שלא יהיו כולם שמחים ואביו ואמו עצבים. זיבן טעג איז מען נישט ריין, מען איז זיך ערשט מטהר נאך די זיבן טאג, האט די תורה נישט געוואלט אז יעדער זאל זיין פרייליך, און די עלטערן זאלן זיין עצבים. האט די תורה געזאגט, מען זאל אויסווארטן ביז זיי קענען זיך מטהר זיין, און נאכדעם זאל מען מאכן דעם ברית.

**דאס** איז גוט אמאל, וואס א יולדת איז טמא געווען, און מען האט זיך געקענט מטהר זיין ביז זיבן טאג, און נאך זיבן טאג איז זי טהור געווארן, אבער בזמן הזה איז נישט דא קיין טהרה ווען מען מל'ט א קינד, איז דאך לכאורה נישט דא די שמחה ביי די עלטערן, עס איז כולם שמחים ואביו ואמו עצבים. וואלט דאך געדארפט צו זיין, אז עס זאל פעלן די שמחה. אבער וויבאלד מען האט עס מקבל געווען בשמחה, איז 'עדיין' עושין אותה בשמחה. כאטש עס איז בטל געווארן דער טעם פון שלא יהא אביו ואמו עצבים, פון דעסטוועגן דאך עדיין עושין אותה בשמחה, טוט מען עס נאך ווייטער בשמחה. על כל פנים זעהט מען פון דעם, אז די תורה האט נישט געוואלט אז בשעת מען ברענגט אריין א קינד אין ברית מילה, זאלן די עלטערן זיין צועלייגט, האט עס די תורה אפגעשטופט אויף די אכטע טאג.

**האט** אהרן געדארפט זאגן פארן רבונו של עולם, ווען עס קומט א ברית האסטו נישט געוואלט אז יעדער זאל זיין שמחים, און די מחותנים, אביו ואמו, זאלן זיין עצבים, יעצט ווען דו ביזט מחנך דעם משכן, דער גאנצער עולם איז פרייליך, אזא שמחה איז נישט געווען פון בריאת שמים וארץ (עיין מגילה י:), און פונקט די גרעסטע מחותנים, אהרן מיט די קינדער, זענען געווארן דעמאלטס אבלים, אביו

ואמו עצבים. 'וידם אהרן', 'מאי הוי ליה למימר', ער וואלט געדארפט צו זאגן, עס איז דאך 'ביום השמיני ימול בשר ערלתו', פארוואס האט דער אייבערשטער אפגעשטופט די מילה אויף דעם אכטן טאג, ווייל די תורה האט נישט געוואלט אז יעדער זאל זיין פרייליך, און די מחותנים זאלן זיין עצבים, און דא האסטו יא געטון, יעדער איז פרייליך, און ביי אהרן האט פאסירט אזא אומגליק. אבער וידם אהרן, אהרן איז געווען שטיל.

*

**מען** קען צוגעבן דערצו, אז די תורה האט געהייסען מען זאל מל'ן א קינד דעם אכטן טאג. אין יעדע זאך ליגט א לימוד מוסר השכל. ווען מען מל'ט א קינד, איז דאס די ערשטע זאך וואס מען טוט פאר א קינד, אים אריינצובורענגען אין קדושה, די העכסטע סארט קדושה, קדושת הברית, דאס לאזט אויף אים א חותם אויף שפעטער, כן יכנס לתורה לחופה ולמעשים טובים. מחנך זיין א קינד, אז דאס חינוך זאל נוצן, מוזן די עלטערן זיין טהורים. ווען עס פעלט די טהרה, אויב די עלטערן זענען טמאים, קען ער זאגן פארן קינד טו אזוי און אזוי, אבער עס נוצט נישט די חינוך וואס מען איז מחנך. 'יראת ה' טהורה', ווען די יראת ה' איז מיט טהרה, 'עומדת לעד' (תהלים יט-י), דעמאלטס שטייט עס אויף אייביג.

**אזוי** ווי א יולדות איז דאך טמא שבעת ימים, אז מען וועט דעמאלטס מל'ן דאס קינד, קומט דאך אויס אז מען ברענגט אריין דאס קינד לבריתו של אברהם אבינו אין א זמן וואס מען איז טמא, מען קען נישט אריינברענגען א קינד לבריתו של אברהם אבינו, ווען די עלטערן זענען טמאים. האט דער אייבערשטער געזאגט מען זאל אויסווארטן ביז מען קען זיך מטהר זיין, און ווען מען קען זיך מטהר זיין, ביום השמיני, ימול בשר ערלתו. ווייל חינוך דארף צו זיין בטהרה, חינוך קען נישט זיין בטומאה.

**אויב** אזוי קומט דאך אויס, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, דעם בית ה', וואלט דאך עס געדארפט צו זיין בטהרה, די תורה איז דאך מקפיד, אז די חינוך פון א קינד זאל זיין בטהרה, און דא איז טמא געווארן דער גאנצער משכן. נדב ואביהוא זענען געשטארבען אינווייניג אינעם משכן, און אלע כלים האט מען געדארפט מטהר זיין, און מען האט מקריב געווען די קרבנות, ווייל עס איז טומאה הותרה בצבור. און עס איז נאכדעם געווען א דיון, צו מען קען עסן די קרבנות, אדער נישט. וואלט דאך אהרן געדארפט זאגן פארן אייבערשטען, דו האסט געזאגט וביום השמיני ימול בשר ערלתו, פארוואס נאר דעם אכטן טאג, ווייל חינוך קען נישט זיין נאר בטהרה, און דא האסטו געמאכט די חינוך פונעם משכן, און דו האסט געמאכט אז אלעס זאל זיין טמא. וידם אהרן, אהרן האט עס מקבל געווען, און ער האט זיך נישט מתרעם געווען. דער אייבערשטער ווייסט אויף די קשיא, און ער ווייסט אויף דעם תירוץ. אפילו א מענטש פארשטייט נישט, פון דעסטוועגן דאך דארף ער זיך אונטער ווארפען אונטערן רבונו של עולם.

**לעניננו**, ר' שמואל דוד טוט אין חינוך, דער קרעדיט פונעם חינוך פון הונדערטער קינדער, בנים ובנות, איז אויף זיין זכות. איך זאג אסאך מאל, און מען זעהט עס בחוש, אז די אלע וואס טוען פאר ציבור, העלפט זיי דער אייבערשטער אז זיי זענען מצליח מיט זייערע קינדער. מען קען היינט צוריקקוקען היסטאריע פון פריער, די אלע יודען וואס האבן געטון פאר תורה און עבודה, האט זיי דער אייבערשטער באצאלט שפעטער מיט ערליכע דורות. פארוואס איז עס אזוי, ווייל טאמער ער טוט פאר חינוך, און ער אליין וועט נישט זוכה זיין מחנך צו זיין זיינע קינדער ווי עס דארף צו זיין, וועט דאך זיין כולם שמחים, ואביו ואמו עצבים. ער איז משמח יעדן איינעם, ער ברענגט חינוך פאר יודישע קינדער, און אביו ואמו זאלן זיין עצבים. דאס האט די תורה געלערנט ביי מילה, אז עס איז נישט דא אזא זאך. עס קען נישט זיין אז עס זאל זיין כולם שמחים און אביו ואמו עצבים. זאל דער אייבערשטער געבן, אז ער זאל קענען ווייטער אויך מגדל זיין דאס קינד און אלע קינדער לתורה לחופה ולמעשים טובים, מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר זאלן אלע זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של החתן **מרדכי צבי** נ"ו, בן הר"ר **חיים ארי' רובין** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם שטערן** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הרב **בערל לאקס** שליט"א (ר"מ בישיבתנו הק'), עב"ג בן הר"ר **אהרן פראטאווין** הי"ו, שהתקיים באולם בורשטין. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **חיים ארי' רובין** הי"ו, ורקד עם החתן לפני הכלה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. [בסעודת החתונה נתחלק הספר החדש 'שמן ראש' על חג הפסח (חלק ב'), נדבת המחותן הר"ר **חיים ארי' רובין** הי"ו].

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **אפרים צבי ראזענבערג** שליט"א דומ"ץ דבית המדרש צמח צדיק וויזניץ וומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **חיים לייב ניימאן** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרב **אלימלך בערגער** ע"ה, עב"ג בן הרב **מאיר לייב עסטרייכער** שליט"א, שהתקיים באולם ויואל משה.

*

***<u>יום שלישי פרשת שמיני</u>***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הרב **שלום צבי עהרענרייך** שליט"א (בן הגה"צ רבי מרדכי זאב עהרענרייך שליט"א אב"ד שאמלויא), שהתקיים בבית המדרש שאמלויא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **יהושע יהודא פריעדמאן** שליט"א, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת שמיני</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **שאול יחזקאל הענדלער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** ברענגט צו די וואך א מדרש (פליאה), אז ווען מען האט מחנך געווען די משכן, און עס האט פאסירט מיט נדב ואביהוא וואס עס האט פאסירט, וידם אהרן (ויקרא י-ג), האט עס אהרן מקבל געווען מיט אהבה. דער אייבערשטער האט אזוי געפירט, האט ער עס מקבל געווען. זאגט דער מדרש, מאי הוי ליה למימר, וואס האט אהרן געהאט צו זאגן, אז די תורה פארציילט וידם אהרן. ער האט געקענט זאגן, וביום השמיני ימול בשר ערלתו (ויקרא יב-ג). עס איז איינע פון די מדרש פליאות, וואס האט א קשר די פסוק וביום השמיני, מיט מיתת נדב ואביהוא.

**איך** האב היינט געטראכט, אז אין ארץ ישראל איז דער מנהג, אז ביי א ברית זאגט מען קודם שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. מען זעהט נישט ביי אנדערע מצוות, אז בעפאר מען גייט מקיים זיין א מצוה, זאל מען זאגן שמע ישראל, און ביי א ברית מילה איז דער מנהג, אז מען זאגט פארדעם שמע ישראל.

**עס** קען זיין א טעם דערויף, עס שטייט אין **נודע ביהודא** (או"ח סימן י'), מען זאגט יעדן טאג נאכן דאווענען די פרשה פון קטורת, און פאר מען זאגט קטורת, זאגט מען אין כאלקינו אין כאדונינו אין כמלכנו. וואס איז דער קשר אז מען האט געשטעלט אין כאלקינו פאר פיטום הקטורת. זאגט דער **נודע**

**ביהודא**, ווייל די גמרא (יומא כו.) זאגט, אז קטורת איז מעשרת, קטורת ברענגט עשירות. און ווען דעם אין בית המקדש ווען מען האט געווארפן גורל אויף די עבודות, האט א כהן וואס האט שוין איינמאל זוכה געווען צו טון די עבודה פון די קטורת, מער נישט געקענט טון די עבודה. חדשים לקטורת בואו והפיסו (שם), מען האט אלץ גענומען נייע, מזכה צו זיין נאך א יוד מיט עשירות.

**זאגט** דער **נודע ביהודא**, אז אזוי ווי קטורת איז מעשרת, קטורת ברענגט עשירות, און ביי עשירות קען מען אמאל זאגן כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה (דברים ח-יז), איז בעפאר מען זאגט די פרשה פון עשירות, זאגט מען אין כאלקינו אין כאדונינו אין כמלכנו, כדי מען זאל וויסען, אז אלעס איז פונעם אייבערשטען. אפילו מען גייט נאכדעם זאגען די פרשה פון קטורת, וואס וועט ברענגען עשירות, קומט אלעס פונעם רבונו של עולם.

**אין** שלחן ערוך (יו"ד רסה-יא) שטייט, אז מען זאל נישט מכבד זיין א סנדק צוויי מאל, ווייל א סנדק איז אין די בחינה פון מקריב זיין קטורת, און ביי קטורת האט מען געוואלט צוטיילן די עשירות פאר יעדן איינעם, עס זאל אלץ זיין א נייע כהן, זאל מען סנדקאות אויך געבן פאר א נייעם סנדק, כדי ער זאל קענען זוכה זיין צו עשירות.

**און** אז דער רמ"א זאגט, אז מל'ן א קינד ברענגט אויך עשירות אזוי ווי קטורת, איז בעפאר מען גייט צו, צו די עשירות, זאגט מען קודם שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, אלעס איז פונעם רבונו של עולם, און נאכדעם קען מען זוכה זיין צו די עשירות, וואס קומט ביי א ברית מילה.

*

**עס** שטייט אבער אין **ביאור הגר"א** אויפן פלאץ, אויף דעם וואס דער רמ"א זאגט, אז מען זאל נישט זיין א סנדק צוויי מאל, ווייל עס איז מעשרת, אז לא ראינו אז א סנדק זאל ווערן א עושר. איך האב אבער געזען שטיין, אז אמת מען זעהט נישט אז מען זאל ווערן א עושר, אבער עשירות האט אסאך טייטשן. עשירות מיינט נישט דווקא א עושר אין געלט, עס איז דא א עושר אין חכמה, אז ער קען מחדש זיין חידושי תורה, און ער פארשטייט תורה און אנדערע חכמות, דאס איז אויך א עשירות. און אז דער אייבערשטער בענטשט, אז מען איז געבענטשט מיט קינדער, איז אויך א עשירות. עס איז דא אסאך ערליי סארט עשירות, און עס איז נישט א הכרח, אז עשירות מיינט דוקא געלט. דאס איז איינע פון די תירוצים וואס דער **חתם סופר** זאגט. על כל פנים קומט אויס, אז ברית מילה ברענגט עשירות אויף אסאך ערליי חלקים. עס ברענגט עשירות, און א ריבוי אין קינדער בכמות, און א ריבוי אין קינדער באיכות, קינדער תלמידי חכמים, אלעס איז א חלק אין א עשירות, עפעס א עשירות ברענגט עס.

**אהרן** האט זוכה געווען צו האבן צוויי אזעלכע קינדער ווי נדב ואביהוא, וואס משה רבינו האט געזאגט, יודע הייתי שיתקדש הבית במיודעיו של מקום, און איך האב געמיינט אבער מיט מיר אדער מיט דיר, און יעצט זעה איך, אז זיי זענען גרעסער פון מיר און פון דיר (רש"י ויקרא ט-ז). ער האט זוכה געווען צו האבן די גרעסטע סארט קינדער, אמת'דיגע עשירות. און דער אייבערשטער האט אים צוגענומען די עשירות. האט ער געקענט זאגן, וביום השמיני ימול בשר ערלתו, פאר מילה קומט דאך עשירות, און איך האב דאך מקיים געווען מצות מילה, פארוואס האט מען מיר צוגענומען די עשירות. אבער וידם אהרן, אהרן איז געווען שטיל.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה, והתפלל שם תפלת מנחה, אחר כך מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הרב **מרדכי נפתלי אייזנבאך** שליט"א (ר"מ בת"ת בב"פ), עב"ג בת הר"ר **אהרן דוד מענדלאוויטש** הי"ו, שהתקיימה באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א נתכבד בסידור קידושין.**

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **אהרן דייטש** שליט"א (בן הגה"צ רבי חיים יהודא דייטש שליט"א אב"ד חוג חתם סופר פ"ת) שהתקיים באולם אנשי ספרד.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **חיים אריה רובין** הי"ו, שהתקיימה באולם שיקס מענאר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** תורה פארציילט, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, האבן נדב ואביהוא מקריב געווען אש זרה אשר לא צוה אותם, און ותצא אש מלפני ה', און עס האט צוגענומען נדב ואביהוא (ויקרא י-א). אין די גמרא (עירובין סג.) און אין מדרש (ילקוט שמיני תקכד) איז דא מערערע דיעות, וואס עס איז געווען דער חטא פון נדב ואביהוא. איין דעה איז דא אין מדרש, מפני שלא נשאו נשים, זיי האבן נישט חתונה געהאט. דער מדרש רעכנט עס פאר א חטא, אז זיי האבן זיך געהאלטן אזוי גרויס, אז עס איז נישט געווען קיינער וואס זאל פאסן פאר זיי, צו קענען טון א שידוך. זיי האבן זיך אנגעקוקט אז זיי זענען קינדער פון אהרן, זיי האבן א פעטער ווי משה רבינו, זיי האבן נישט געטראפן אין כלל ישראל איינער וואס זאל זיין צוגעפאסט פאר זיי פאר א שידוך, און וועגן דעם לא נשאו נשים.

**עס** שטייט אין **ישמח משה** (פ' אחרי) אז דער מדרש (ב"ר יב-טו) זאגט, ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, האט דער באשעפער באשאפן די וועלט מיט מדת הדין, בראשית ברא אלקי"ם את השמים ואת הארץ (בראשית א-א). ראה שאין העולם מתקיים, ער האט געזען אז מען קען נישט האלטן א וועלט מיט מדת הדין, האט ער משתף געווען מדת הרחמים, ביום עשות הוי"ה אלקי"ם ארץ ושמים (שם ב-ד), און ער האט עס מקדים געווען לפני מדת הדין. זעהט מען דאך, אז בעצם וואלט דער אייבערשטער געדארפט פירן די וועלט מיט מדת הדין, נאר מיט מדת הדין קען נישט זיין קיום העולם, האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט דערצו מדת הרחמים.

**זאגט** דער הייליגער **ישמח משה**, כדי א יוד זאל קענען זוכה זיין צו מדת הרחמים פונעם אייבערשטען, איז אין הימל פירט מען זיך מדה כנגד מדה. ווען א יוד טוט צו, צו קיום העולם, איז ער זוכה אז מען זאל זיך פירן מיט אים מיט מדת הרחמים. ווייל מדת הרחמים האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט וועגן קיום העולם. ווען א יוד טוט נישט פאר קיום העולם, האט ער נישט א זכות אז ער זאל זוכה זיין צו מדת הרחמים.

**נדב** ואביהוא האט זיך דער אייבערשטער געפירט מיט זיי מיט מדת הדין, בקרבתם לפני האלקים וימותו (ויקרא טז-א), זיי האבן געטון א קליינע חטא, און תיכף איז ותצא אש מלפני ה' און עס האט זיי צוגענומען. פארוואס האט זיך דער אייבערשטער געפירט אקעגן נדב ואביהוא מיט אזא מדת הדין, דער אייבערשטער איז דאך דער בעל הרחמים. אבער ווי מען האט פריער גערעדט, כדי זוכה צו זיין צו מדת הרחמים, דארף מען טון פאר קיום העולם. נישואין איז דאך כדי מען זאל האבן שפעטער קינדער, וואס זאלן מקיים זיין די וועלט. אז זיי האבן נישט געטון אין נישואין, לא נשאו נשים, האבן זיי נישט געהאט א זכות, אז זיי זאלן קענען זוכה זיין צו מדת הרחמים, וואס דער אייבערשטער האט באשאפן פאר קיום העולם. דער חטא איז נישט געווען ווייל לא נשאו נשים, נאר דער חטא איז געווען בהקריבם אש זרה, אדער אנדערע זאכן וואס זיי האבן געזינדיגט, אבער פארוואס האט זיך דער אייבערשטער נישט געפירט מיט זיי מיט א מדה פון חסד, אויף דעם גיט מען צו, ווייל עס איז לא נשאו נשים, און זיי האבן נישט געהאט א זכות פון קיום העולם.

**ווען** חתן כלה שטעלן אויף א שטוב, איז דאך דער תכלית קיום העולם, און אז דער תכלית איז קיום העולם, האט מען דעם זכות אז דער אייבערשטער זאל זיך אויך פירן מיטן מדת החסד. און עס איז נישט נאר אויף נישואין, נאר יעדע חסד וואס א יוד טוט איינער מיטן צווייטען, איז ממשיך אויף אים א מדת החסד פונעם הימל. ווייל די וועלט קען נישט שטיין נאר מיט חסד, עולם חסד יבנה (תהלים פט-ג). קיום העולם איז נאר, אז איינער טוט חסד מיטן צווייטען. ווען א מענטש לעבט איינזאם פאר זיך, ער האט נישט אינזין א אנדערן, דער האט נישט א זכות פון מדת החסד פונעם אייבערשטען.

וויבאלד רחמים נעמט זיך נאר פון קיום העולם, מוז א יוד צו טון צו קיום העולם.

**מען** זיצט מיט אזא חשובע משפחה פון ר' ברוך יהודא, און ר' חיים ארי', און די גאנצע משפחה ארום און ארום, זענען שטובער פון מלא חסד. עס איז עולם חסד יבנה, מען האט נישט אינזין זיך, נאר וואס מען קען העלפן פאר א צווייטען, סיי בפרטיות און סיי בכלליות. נישט נאר צו העלפן בפרטיות איינער פארן אנדערן, נאר בכלליות, אהערשטעלן א 'בנין רובין' וכדומה, אויפשטעלן פאר דורות שפעטער. און אז א יוד טוט פאר קיום העולם, איז ער זוכה אז דער אייבערשטער פירט זיך אויך מיט אים מיטן מדת החסד, וואס דאס איז קיום העולם.

**וויל** איך וואונטשען פאר חתן און כלה, דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל נמשך ווערן די אלע ברכות וואס קומען פון חסד. און די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, מתוך שמחה וטוב לבב. און מיר אלע אינאיינעם זאלן מיר זוכה זיין צו די ברכה, ומשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך (ישעיה סב-ה), בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

***ערב שבת קודש פרשת שמיני***

אחר התפלה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן הר"ר **שמעון עוזר מיטעלמאן** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש ברך משה סאטמאר (סקילמאן). **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***שבת קודש פרשת שמיני***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א באטע** בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל תפארת שלמה זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום כ"ט אדר). בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל האלברשטאם שליט"א.**